# ו' תשרי תשכ"ה

## איר נאמען: חנה

רביצין חנה'ס נאמען איז ראשי תיבות פאר די דריי מצוות פון א פרוי:

**ח**לה



די פרוי איז קויפט די עסן, און ארבעט אין קיך, און זי מאכט איר היים א כשר'ע היים.

**נ**דה



די פרוי האדעוועט א אידישע משפחה אין די רוח התורה.

**ה**דלקת



די פרוי פילט איר היים מיט די ליכטיקייט פון תורה און מצוות.

## דער רבי זאגט:



"אן עקרת הבית ווערט מען נישט בין לילה, דאס איז א זאך וואס מ'דארף זיך צוגרייטן, דארף מען איינשאעלן דער ענין החינוך פון א טאכטער אויף צו אלעם ערשטן זאל זי וויסן זיין וועגן איר תפקידה העיקרי, חתונה האבן און פירן א אידשע הויז, און א הויז אין וועלכן ס'וועלן זיין בנים ובנות עוסקים בתורה ובמצוותיה.

## מישין: מאך דיין אייגענע אידישע הויז!!

פילט אריין די ליידיגע שטוב אזוי ווי א אידישע שטוב זאל זיך אויסזען.

מאך זיכער צו אריינלייגן די דריי מצוות פון דער נאמען חנה!!

# יארצייט פון רביצין חנה

**קומט קינדער!!** היינט, אונזער רייזע וועט זיין גאר א קורצע. מיר פארן נישט איבער ימים, צו ווייטע לענדער. מיר פארן צו די באקאנטע שטאט—ניו יארק. דארטן, מיט ארום פערציג יאר צוריק איז רביצין חנה, דער רבי'ס מוטער, נסתלק. די לעצטע זיבעצן יאר פון איר לעבן האט די רביצין געלעבט אין ניו יארק.

איר פרעגט וואס איז געווען פער דעם? אהא, פאר דעם דארף מען פארן ווייט, ווייט אוועק צו דעם שטאט יעקאטעריניסלאוו (היינט הייסט דער שטאט דניעפעפעטראווסק) אין אוקריינע. ר' לוי יצחק, רביצין חנה'ס מאן איז געווען רב דארטן פער איבער 30 יאר. במשך די אלע יארן רביצין חנה האט אים געהאלפן אין זיין רבנות. זי האט גערעדט רוסיש פלייסיג, און האט געקענט רעדן מיט יעדן איינעם. זי האט זייער אפט צוזאמענגערעדט מיט די סטודענטן פון די אוניווערסיטעט בכדי צו זיי מקרב זיין.

ווען די קאמיוניסטן האבן אנגעהויבן הערשן אין רוסלאנד, ר' לוי יצחק איז גאר ניט נתפעל געווארן און האט זייער שטארק געארבעט צו שטארקן תורה ומצוות. ליידער, די ק.ג.ב. האבן באלד ארעסטירט דער גרויסער צדיק און האבן אים געשיקט אין גלות, צו טשילי אין דעם ווייטן לאנד קאזאכסטאן. רביצין חנה, האט מיט מסירת נפש, געפארן אין גלות צו זיין צוזאמען מיט איר מאן. זיי האבן דארט געלעבט אין א שמוציגע, פינסטערע צימער אין דער כאלופע פון א דארטיגע גוי.

ב' ניסן, ר' לוי'ק האט געוואלט שרייבן חסידות לכבוד דער יארצייט פון דער רש"ב אבער ער האט ניט געהאט מיט וואס צו שרייבן. רביצין חנה האט, ניט קוקנדיק אויף די גרויסע שוועריקייטן וואס זי האט געדארפט דורכגיין יעדער טאג, אנגענומען נאך א דאגה. זי וועט קריגן טינט און פאפיר פאר איר הייליגע מאן. ערשטנס איז זי געפארן צו דער נענטסטע שטאט און האט דארט געקראגן צוויי העפט, א בוטל, און powder צו מאכן טינט. ווען דאס האט זיך געענדיקט האט זי געלערנט ווי צו מאכן טינט פון פלאנצן, און איז אליין געגאנגען קלייבן די פלאנצן, און אליין געמאכט די טינט. מיט דעם האט ר' לוי'ק געשריבן זיינע חידושים.




נאך ר' לוי'ק איז נפטר געווארן האבן חסידים ארויסגעשמוגלט רביצין חנה פון רוסלאנד. זי האט מיטגעבראכט איר מאן'ס שרייבונגען און זיי זיינען שפעטער געדרוקט געווארן.

רביצין חנה איז געווען א אשה צדקנית, אן אמת'ע אשת חיל. זי איז געווען א שטארקע פרוי, אין דער שטילער, צניעות'דיקער וועג פון א בת ישראל.
איך וואלט זייער שטארק געוואלט זיין אזוי ווי רביצין חנה.






בשרי
MEAT
חלבי
MILK